בס"ד

טעגליכע בלעטל לעיקוואד אומגעגנט

# לוח הציבור

לעיקוואד

Call/Text: **732.696.4300** Email: **ads@lakewooddaily.com**

Subscribe to get it via email: **subscribe@lakewooddaily.com**

**Friday June 5, 2026** | **ערש"ק פרשת בהעלותך - כ' סיון תשפ"ו**

## זמנים

הזמנים הם לעיר לעיקוואד

| | היום | מחר |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 4:16 | 4:16 |
| נץ החמה: | 5:28 | 5:28 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:36 | 8:35 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:12 | 9:11 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:02 | 10:02 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:26 | 10:26 |
| חצות: | 12:55 | 12:55 |
| מנחה גדולה: | 1:38 | 1:39 |
| מנחה קטנה: | 5:58 | 5:58 |
| שקיעה: | 8:22 | 8:23 |
| צאה"כ ר"ת: | 9:34 | 9:35 |

## שיעורים

| | |
|---|---|
| דף היומי | חולין לו |
| עמוד יומי | יומא כ: |
| דף הירושלמי | בבא קמא לד |
| משנה יומית | כלים ח, ח-ט |
| הלכה יומית | או"ח רג, ז - רד, א |
| תהלים | צז-קג / צו-ק |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו מז: |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| מצוה יומית | תקנג: לא יוכל לשלחה |
| תניא | והנה גדר - סטרין |

## וועטער

| היינט | מארגן |
|---|---|
| 93°- 68° | 97°- 68° |
| מערסטענס זוניג | מערסטענס זוניג |

## זמני שבת

שב"ק פרשת בהעלותך - כ"א סיון תשפ"ו - אבות פ"ב

זמן הדלה"נ 8:04 | זמן מוצאי שבת 9:36




ממש ווי נייע!

גלאנצן | פרעסן | טוישן קאפלעך | איבערמאכן

דא צובאקומען די "ישועה שטריימל"

די לייכסטע שטריימל אויפן מארקעט

שעות: זונטאג – דאנערשטאג

2:00-6:30 נאכמיטאג

ערש"ק זענען מיר פארמאכט

קרויס שטריימלעך

1200 River Avenue

718.257.2877

תורם צענטער

תורם

המרכז של גבאי הצדקה בעולם

7 New York Ave,

845-286-4736

Sunday - Thursday

2:00-6:00

Friday - 10:30-11:30

Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus

Call/Text/WhatsApp 845-325-2324

# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**732.696.4300**

מזל טוב! **א שמחה אין לעיקוואוד?**

דערמאנט אייערע באקאנטע דורך עס מעלדן דא אינעם טעגליכן "לוח הציבור".


מזל טוב!
budgetyid.com
קום צו די חתונה ווי א מחותן


# שידוכים

| | עב"ג | |
|---|---|---|
| החתן **יעקב** נ"י<br>בן מוה"ר **לוי באאש** הי"ו<br>בארא פארק | | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **יודא ראזמאן** הי"ו<br>בארא פארק |

# עלי' לתורה

| | | |
|---|---|---|
| החתן<br>**משה יעקב**<br>נ"י | אבי החתן<br>מוה"ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי"ו | בביהמ"ד<br>**נועם אליעזער סקולען**<br>547 park ave |


מכון תורת שמואל דהוסט

**דערהייבט אייער נפש מיט די פלאמפייערדיגע דרשות**
פונעם פום ממלל רברבן
**כ"ק מרן אדמו"ר מהוסט רבי שמואל שמעלקא לייפער זצוק"ל**
א רייכע אוצר מיט דרשות ושיעורים אויף אלע עניני עבודת ה' ושמחת החיים

**605-313-6802**

נתפרסם לע"נ כ"ק מרן רבינו שמואל שמעלקי בן ר' אהרן משה זצ"ל

צו נעמען א חלק אין די זיכוי הרבים רופט: 347.949.2066

**Insurance alert!**

**Cheapest insurance rates for 1-4 family houses**

**718 871 1549 Ext. 210** **9294598484**

Fly n' Claim
Travel Claim Services
Flyandclaim.com | 845.212.0404

**פליִיט דיליעס?**
**פארלוירענע רענצלעך?**

ס'קען זיין אז די עירליין קומט אייך געלט.

אונזער טיעם פון לאויערס פייט פאר אייך און געווינט וואס קומט אייך פון פייל די קלעים ביז צום באקומען די טשעקס!








## Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Police & Fire | 911 |
| Hatzalah - הצלה | 732.370.3600 |
| Shomrim שומרים | 732.367.1212 |
| Chaveirim - חברים | 732.370.2229 |


לוח הציבור

**Boro Park**
718.303.4300
**Monsey**
845.425.4300

JUDAICA SQUARE
WEEKLY BLOW OUT!
ALL COMPANIES
ALL SIZES
ALL STYLES
25% OFF
No Minimum
732-444-3111
NOW WITH TWO CONVENIENT LOCATIONS!
NORTH 1105 EAST COUNTY LINE ROAD
SOUTH 1328 RIVER AVE/SEAGULL SQ



פדיון הבן מטבעות

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)



Got a Ticket?
Call
THE TICKET FIGHTER
We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal • Violations
Ez Pass •
Call
718-954-4295
917-957-7545
TRAFFIC VIOLATIONS
We do personal injuries



א שבת פעקעדזש דעליווערט איבער גאנץ אמעריקע
Serving 2 Adults
פאר בלויז $299
Shipping Included
BKLN 2021
Crispies delicatessen
347.380.4984



מען קען רופן דער בית הוראה טעלעפאן ליין לעניני רבית
יעדער טאג פון 8:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
845-493-8604 RIBISHOTLINE@GMAIL.COM
בית הוראה לעניני רבית
שע״י הרה״ג ר׳ פנחס ווינד שליט״א
845-493-8604
ribishotline@gmail.com



עין הרע?
די השתדלות וואס איז זייער וויכטיג! עס זאל זיין ביי אייך אלע ענינים ווערן ליכטיג!
אפשרעכן עין הרע דורך בליי - לוצקין א״י
רופט: 929-758-5878 Blay9297585878@GMAIL.COM



# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

## כ' סיון

ת"ח — הג"ר **יחיאל מיכל** ב"ר **אליעזר מנמירוב** זצ"ל
שברי לוחות

תכ"ד — הג"ר **חיים** ב"ר **מרדכי** זצ"ל
מחכמי לבוב

ת"צ — הג"ר **יוסף** ב"ר **עמנואל אירגאז** זצ"ל
שומר אמונים

תק"ג — הג"ר **מרדכי** ב"ר **צבי הירש** זצ"ל
אב"ד ליסא

תקס"א — הג"ר **צבי הירש** ב"ר **שלום זעליג** זצ"ל
המגיד מנאדבורנא - צמח ה' לצבי

תר"ד — הג"ר **אהרן** ב"ר **אברהם** זצ"ל
דומ"ץ לאסק

תרפ"ג — הג"ר **אברהם** ב"ר **אפרים וועבער** זצ"ל
אב"ד פעלידהאז

תרצ"ז — הג"ר **זאב** ב"ר **יוחנן טווערסקי** זצ"ל
מרחמסטריווקא

תרצ"ח — הג"ר **שמואל** ב"ר **אברהם דוד קויפמאן** זצ"ל
תפארת שמואל

תש"ב — הג"ר **ישראל אלטר** ב"ר **יהודה צבי פוקס** זצ"ל
אב"ד דווינסק

תש"ד — הג"ר **חיים יהודה** ב"ר **דוד יצחק טייטלבוים** זצ"ל
אב"ד פוטנאק

תש"ד — הג"ר **אליעזר** ב"ר **משה פיש** זצ"ל
אב"ד ביקסאד

תש"ס — הג"ר **שרגא פייבוש** ב"ר **דוד צבי שנעעבאלג** זצ"ל
שרגא המאיר

תשס"א — הג"ר **רפאל ביטון** זצ"ל
אמרי איש

תשס"ו — הג"ר **ישראל דן** ב"ר **שמואל אלי' טוב** זצ"ל
ממאדזיץ

**זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל**

---

יזכרם

**זכרון שמות הנעדרים**
**שלא הניחו אחריהם זש"ק**
נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

**כ' סיון**

צו ארייננשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

אברהם דוב ב"ר יהושע לייב (אולשוואנג) • הב' אברהם דוד ב"ר יחיאל אלטר – הי"ד תש"ד • אברהם יהודא ב"ר מנחם משה (גאנץ) – הי"ד תש"ד • אברהם יהושע ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • ר' אלימלך ב"ר יחיאל מאיר (פאנעט) – תש"ד הי"ד • הב' אפרים פישל ב"ר מרדכי הכהן – תשפ"ד [הר המנוחות] • הב' ארי' פישל ב"ר אלתר משה (טוכמאן) – תשי"ד [LI חל' שארית עד"י] • הב' אשר אנשיל ב"ר משה – תש"ד הי"ד • בערל ב"ר דוד – תש"ל [באלטימאר, ביהמ"ד הג'] • ר' ברוך ב"ר צבי (וויינבערגער) – תש"ד הי"ד • הב' דוב בער ב"ר ארי' לייב (אוגאסט) – תרפ"ב [וואשינגטאן נ.י.] • הב' דוד זאב ב"ר שמואל (ווייס) – הי"ד • זאב ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • הב' חיים ב"ר שרגא – תרמ"ד [סיגוט, רומעניא] • הב' חיים בן ציון ב"ר יוסף – תש"ד הי"ד • הב' חיים צבי ב"ר אפרים – תשמ"ו [NJ פלארעל פארק] • הב' טובי' ב"ר יצחק הכהן (כהן) – תרפ"ד [ראטשעסטער] • יואל משה ב"ר חיים הלוי • הב' יונה ב"ר אליעזר ליפמאן (שפיטצער) – תשפ"ג • הב' יוסף ב"ר שמואל צבי (שטיין) - תרע"ב [מט כרמל] • הב' יחזקאל שרגא ב"ר יהושע (פריינד) – תרע"ח [סאטמאר, רומעניא] • יצחק ב"ר יעקב הלוי (שארר) – תשפ"א [קרית יואל] • ישראל ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • ישראל דוב ב"ר מנחם משה (גאנץ) – הי"ד תש"ד • הב' ישראל עוזר ב"ר שמואל (ווייס) – הי"ד • הב' יששכר דוב ב"ר ישעי' הכהן (מיללער) – תרצ"ג [גאלאנטא, סלאוואקיי] • הב' ליב ב"ר יצחק (העניקין) – תרע"ו [טבריא] • הב' מאיר צבי ב"ר חיים שלמה אלימלך (רייזמאן) – תרע"ו [אונגווער, אוקריינא] • מיכאל ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • הב' מיכל הירש ב"ר נתן (לעבאוויטש) – תרפ"ג [אונגווער, אוקריינא] • ר' מנחם מענדל ב"ר פנחס (בריל) – תשמ"ט [NJ חל' באיאן] • הב' מנחם משה ב"ר שמעון – תשס"ה [פיטא, האלאנד] • מנשה ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • הילד מרדכי זאב ב"ר נח ברוך הכהן (פאמעראנץ) – תרע"ג [יוניאן פיעלד] • ר' משה ב"ר יקותיאל זלמן ומשפ' – תש"ד הי"ד • ר' משה ב"ר לוי (ניססען) – תש"מ [מעלבוירן, עדת ישראל] • ר' נח יוסף ב"ר ארי' יהודא (וויינטרויב) – תשמ"ח [טשארלסטאן ס. קאראליינא] • הילד פנחס יהודא ב"ר ישראל (שענפעלד) – תש"ד הי"ד • פרץ ב"ר יוסף (שאהן) – הי"ד תש"ד • הב' רפאל ב"ר אברהם יהושע – תשנ"ג • הב' שלמה ב"ר דוד (שיטרית) – הי"ד • הב' שלמה דוב ב"ר יחיאל אלטר – הי"ד תש"ד • ר' שמואל ב"ר לייב (פידערער) – תשס"ט [LI חש"א] • הב' שמחה ב"ר מרדכי (בראנשטיין) – תר"ץ [מט האופ, יאנקערס] • הב' שרגא פייביש ב"ר יחזקאל אברהם (הלברעכט) – תשנ"א הבתולה באשע שבע ב"ר משה זכרי' (צווערין) – ת"ש [חעלמא, פוילן] • מרת בילא ב"ר ברוך (פריינד) תש"ד הי"ד • הבתולה בתי' ב"ר דוד – תרע"ה [יוניאן פיעלד] • מרת גליקא ב"ר יהודא לייב (העפנער) – תשי"ב [מט יודא, חל' ת"ת י"ם] • הילדה זיסל ב"ר צבי הירש הלוי (גאלדוואסער) – תש"ג הי"ד • חוה ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • הילדה חי' ב"ר צבי הלוי – תש"ד הי"ד • הילדה חי' יודית ב"ר בנימין זאב – תשי"ד [LI חל' קלויזענבורג] • הבתולה חי' יוטא ב"ר משה מרדכי (פאליק) – תרס"ה [מט ציון, חל' דגל מחנה ראובן] • הילדה חי' יוכבד ב"ר אליעזר (ווייזער) – תש"ד • מרת חנה ב"ר חיים ברוך (ווייס־בערגער) – תשנ"ו [קרית יואל] • מרת חנה ב"ר מנחם הלוי (גאטליעב) – תש"ע [הר המנוחות] • מרים ב"ר אלי' הכהן – תרפ"ו [מט חברון] • נעכא ב"ר יוסף (שאהן) - הי"ד תש"ד • הרבנית סילקא ב"ר אברהם יוסף (גרינוואלד) – תשט"ו [LI חל' צעהלים] • עטיא ב"ר יוסף (שאהן) - הי"ד תש"ד • פרומט ב"ר חיים וואלף • הבתולה פערל ב"ר אליעזר – תרכ"ז [יוזעפף, פוילן] • פראדל ב"ר משה ארי' (פריינד) – תש"ד הי"ד • הבתולה צבי' ב"ר אלי' משה – תשע"ח [NJ חל' מעזיבוזש] • מרת צבי' ב"ר צבי אשר (שווארטץ) – תשפ"ה [אלעד] • מרת ציריל ב"ר נתן (וויינבערגער) – תש"ד הי"ד • הילדה רחל ב"ר יחיאל אלטר – הי"ד תש"ד • הילדה שולמית העניא ב"ר יעקב משה (אונפאנגער) – תשפ"ה [צפת] • הבתולה שינדל ב"ר אלימלך (ראזענבערג) – תר"ס [אונגווער, אוקריינא] • שינדל בילא ב"ר מנחם משה (גאנץ) – הי"ד תש"ד • הילדה שרה ב"ר אברהם (מארקאוויטש) – תרצ"ד [מט ציון, חל' אולמאן] • הבתולה שרה ב"ר שלמה צבי הכהן (קאטט) – תרע"ח [טשענסטחויב, פוילן] • הבתולה שרה ב"ר שמואל (ווייס) – הי"ד

---




# הילולא דצדיקא



**יארצייט פונעם טאג - כ"א סיון - שנת תרנ"ג**
**האדמו"ר רבי שלמה שפירא ממונקאטש, בעל 'שם שלמה'**

**געבוירן:** ב' טבת, יום ז' דחנוכה שנת תקצ"ב

**זיין טאטע:** האדמו"ר רבי אלעזר שפירא מלאנצהוט, בעל 'יודעי בינה'

**זיינע זין:** מ"מ האדמו"ר רבי צבי הירש ממונקאטש, בעל 'דרכי תשובה'. האדמו"ר רבי משה יהודא ליב מסטריזוב.

**זיינע רבי'ס:** אבי אביו, בעל 'בני יששכר' מדינוב. אביו הנ"ל. ה'דברי חיים' מצאנז

מיר האבן אין די פארגאנגענהייט שוין באשריבן קורצע שטריכן פון די גאר רייכע לעבנס ביאגראפיע פונעם הייליגן 'שם שלמה' פון מונקאטש, וועלכער איז געווען א רעכטער אייניקל פונעם הייליגן בני יששכר, און אן הולך בדרכי אבותיו הצדיקים, בתורה, עבודה וחסידות. מיר האבן דערמאנט אז ווען ער איז געווען פערצן יאר אלט, האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית חי' פרימא רבקה, די טאכטער פון האדמו"ר רבי יקותיאל שמעלקא פון סאסוב, זוהן פונעם הייליגן רבי'ן רבי משה ליב פון סאסוב.

נאך די חתונה איז רבינו זצ"ל געבליבן וואוינען אין סאסוב, סמוך על שולחן חותנו הגדול, וועלכער האט אים געגעבן דעם גרויסן שטוב וואס ער האט געבויעט אויפן פלאץ פון ביתו נאוה קודש פון זיין טאטן, דער רבי ר' משה ליב, און דארט איז רבינו זצ"ל געזעצן און געהארעוועט על התורה ועל העבודה בקדושה ובטהרה. דארט אין שטאט האט ער גענומען שימוש ביים רב פון שטאט, רבי נחמי', וועלכער איז געווען א קרוב פארן רבי'ן רבי משה ליב, און איז שוין דאן געווען א זקן פון איבער די ניינציג ולא נס ליחה.

נאך די פטירה פון רבי נחמי', האט מען אויפגענומען דעם רבי'ן רבי שמעלקא פון סאסוב אלס רב פון שטאט, למלא מקום אביו הגדול דער רבי ר' משה ליב, און זיין איידעם, רבינו זצ"ל, האט מען אויפגענומען צו דינען אלס סגן פאר זיין שווער, אים צו שטיין צו הילף מיטן פירן דעם שטאט, אבער זיי האבן געוואלט אז ער זאל צום ערשט נעמען הוראה ביי גדולי ישראל. רבינו זצ"ל איז דאן געפארן קיין לעמבערג און זיך געשטעלט צום פארהער ביי די ארטיגע צוויי שוואגערס, די גדולי הדור, הגאון רבי יוסף שאול נאטנזאהן בעמח"ס 'שואל ומשיב', און הגאון רבי מרדכי זאב אינטינגא. דער 'שואל ומשיב' האט געגעבן פאר רבינו זצ"ל די כתב הוראה אויף א ספעציעלע שיינע גאלדענע-שניט פאפיר, זאגענדיג אז פאר אזא אינגערמאן פאסט צו געבן די הוראה אויף א שיינע פאפיר, ווייל ער איז כאחד הגדולים מבעלי הוראה המפורסמים. אויך רבי מרדכי זאב איז נתפעל געווארן פון רבינו זצ"ל און אים געגעבן הוראה. בכדי צופרידן צו שטעלן יעדן איינעם, האט ער אויך גענומען הוראה פון הגאון רבי אברהם תאומים, אבד"ק זבאורוב ובעמח"ס 'חסד לאברהם'.

מ'האט טאקע דאן אויפגענומען רבינו זצ"ל אלס דער סגן פונעם רב אין שטאט סאסוב, און רבינו זצ"ל האט פיל געלייסטעט לטובת די קהילה קדושה אין סאסוב, און ער האט אויפגעטון גדולות ונצורות לטובת דעם שטאט, ער האט אבער אויך אנגעהאלטן זיין אויסטערלישע התמדה בתורה יומם ולילה, און דאס אלעס טראץ דאס עניות און דחקות וואס האט דאן געהערשט ביי אים אין שטוב.

נאכן ווילן עטליכע יאר בצילו פון זיין גרויסן שווער, האט רבינו זצ"ל זיך געצויגן קיין סטריזוב, צו זיין סמוך ונראה צו זיין גרויסן טאטן וועלכער האט געדינט דארט אלס רב פון שטאט, צו קענען שטיין לידו און אים ארויסהעלפן מיט די עבודת הקודש. דארט אין שטאט זענען אויך געבוירן געווארן זיינע צוויי הייליגע זין. שפעטער האט רבינו זצ"ל זיך געצויגן צוריק קיין סאסוב, וואו ער איז געבליבן וואוינען ביז ווען מ'האט אויפגענומען זיין פאטער אלס רב אין שטאט לאנצהוט, און דאן האט דער 'יודעי בינה' געבעטן פון רבינו זצ"ל אז ער זאל זיך ציען צוריק צום שטאט סטריזוב, און ער זאל דארט אננעמען דאס רבנות. וכך הוה.

אין די יארן נאך די חתונה, איז רבינו זצ"ל פיל געפארן זיך מסתופף זיין בצילם פון די צדיקי הדור. ער איז עטליכע מאל געווען ביים הייליגן רוזינער, סיי מיט זיין שווער, וועלכער איז געווען פון די נאנטע מקורבים אין רוזין, און אויך מיט זיין גרויסן טאטן.

בצל צדיקים. מקבל מרות אין צאנז. הסתלקות חותנו. הסתלקות אביו. רבנות פאסטן, און נאך. אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**


ס'איז די האסט די כוחות.
מיר האבן די כוחות פאר שמירת עינים! גיי און ווייטער, כה לחי!
עינים
מיינע סייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד
718-977-5554

# שבת ערציילונג



# א דריטל עולם הבא

געווען איז דאס אין די ענדע תר"ל יארן. ווען פון שטאט בראד זענען אנגעקומען קיין ריישא א גרופע טעאטער־שפילער, וואס האבן אפגעדינגען א גרויסן זאל אין צענטער פון שטאט, וואו זיי האבן אנגעהויבן פארשטעלן זייערע געמיינע פארשטעלונגען וואס איז געווען געאייגנט אויף אפצולאכן און פארשעמען אלעס וואס איז הייליג און טייער ביי די אידן.

איין נאכט האבן זיי געשפילט וויאזוי ס'זעט אויס א סליחות ביי אידן, און אן אנדערע נאכט האבן זיי נאכגעמאכט ראש השנה. שפעטער האבן זיי אפגעלאכט פון כל נדרי. חנוכה. און אזוי ווייטער. יעדן טאג א נייע שפיל מיט פרישע ליצנות. יעדע נאכט פרישע שפאט. יעדע נאכט א פרישע פייל אין הארץ פון ערליכע אידן.

נאכט נאך נאכט האבן די שפילן ליידער געצויגן אסאך פשוט'ע מענטשן וואס האבן אנגעהויבן אהינגיין. בפרט די נשים וואס דעתן קלות, האבן די שפיעלן זייער שטארק געצויגן, און זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן. די ערליכע אידן פון שטאט האבן געזען ווי א רוח פון טומאה הייבט אן אריינקריכן אין די גאסן פון ריישא. און זיי האבן געזען פאר זיך א שרעקליכן חורבן, וואס אויב שטעלט מען דאס נישט אפ באצייטנס, איז תוצאותיו מי ישורנו.

די ערליכע אידן האבן זיך צוזאמגענומען אויף אן אסיפה, אין שפיץ פונעם שטאטישן בי"ד, און די רבנים פון שטאט,צו זען וואס מ'קען דא טון. אלע האבן זיך איינגעשפאנט צו טון וואס אימער מ'קען אויף ארויסצוזען די טעאטער־שפילער פון שטאט. מ'האט געשריבן בקשות צו די רעגירונג אינסטאנצן. מ'האט גערעדט מיט די באאמטע. מ'האט געטון יעדע השתדלות וואס מ'האט נאר געקענט. אבער אלעס איז געווען ווי אומזיסט. די רעגירונג אינסטאנצן האבן נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס מ'וויל דא פון זיי.

"וואס איז שלעכט מיט א טעאטער־שפיל?!" האבן זיי געפרעגט. אין זייערע אויגן איז דאס געווען בלויז נאך א פארוויילונג. ווער קען דען מסביר זיין פאר א גוי, וואס דאס מיינט א טעאטער־שפיל פאר אידן, נאכדערצו ווען מען ניצט דאס אויף ליצנות צו מאכן פון אלצדינג וואס איז ביי אידן הייליג. אזוי זענען די טעג פארביי, און די צרה איז נאר געווארן ערגער.

*******

אינעם דערנעבענדיגן שטאט סטריזוב האט דאן געפירט די עדה הקדושה, דער הייליגער גאון וצדיק, הרה"ק רבי שלמה שפירא זצ"ל, דער שפעטערדיגער מונקאטשער רב, באקאנט אלס דער 'שם שלמה'. זיין נאמען איז שוין דעמאלטס געווען ברייט באקאנט איבעראל, און פילע אידן פלעגן קומען זיך מסתופף זיין בצל קדשו.

יענעם שבת שירה, איז דער באקאנטער נגיד און חסיד ר' בערקא צוקער פון ריישא געקומען קיין סטריזוב צום זיין ביים הייליגן רב אויף שבת. נאך שבת איז ער אריין צום רבי'ן זיך געזעגענען ווי געוועונליך, און בתוך הדברים האט ער זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, איבער דעם שווערן מצב וואס פלאגט אצינד דעם שטאט ריישא. ער האט דערציילט ווי אזוי די ליצים פארשעמען די תורה, און ווי אזוי מענטשן ווערן ליידער פארכאפט. ווי אזוי אלע שתדלנות וואס זיי האבן פרובירט איז דורכגעפאלן, און ווי אזוי די ערליכע אידן שטייען אומבאהאלפן.

דער הייליגער רב האט אויסגעהערט יעדעס ווארט. זיין פנים איז געווארן גאר ערנסט, און מ'האט דערקענט אויף אים אז דער מצב טרעט אים צו צום הארצן. רבי בערקא האט ערווארטעט אז דער רב וועט געבן זיין הייליגע ברכה, און ער וועט מתפלל זיין פאר די אידן פון ריישא, אז דער אויבערשטער זאל זיך מרחם זיין, און זיי שיקן א ישועה. ער האט אבער גענצליך נישט ערווארטעט דאס קומענדיגע.

דער רב האט געענטפערט בלויז געציילטע ווערטער: "עס שיינט מיר, אז איך וועל זיין אייער גאסט די וואך". רבי בערקא איז כמעט ווי צוריקגעצויגן געווארן. "רבי, מיר האבן שוין געטון אלעס וואס מען קען טון בדרך הטבע, איך גלייב נישט אז דער רבי וועט קענען עפעס אויפטון מיטן קומען צו פארן. אפשר איז בעסער אז דער רבי זאל דא בלייבן און דאווענען צום אויבערשטן אז די רשעים זאלן האבן א מפלה". אבער דער רב האט זיך בלויז געהאלטן ביי זיינעם, "מיטן אויבערשטנס הילף, וועל איך פרובירן צו טון וואס איך קען".

דעם קומענדיגן דינסטאג אינדערפרי האט דער רב געדאווענט שחרית פריער ווי געוועונליך. נאך שחרית האט דער רב געהייסן די שטוב מענטשן זאלן איינשפאנען די פערד און וואגן, ווייל ער גרייט זיך היינט ארויסצופארן קיין ריישא. אויפן וואגן זענען ארויף דער הייליגער רב, און מיט אים זענען מיטגעפארן זיין זון, שפעטער באקאנט אלס דער 'דרכי תשובה' פון מונקאטש, און אויך זיין יונגע זיבן־יעריגער אייניקל חיים אלעזר'ל, שפעטער באקאנט אלס דער הייליגער 'מנחת אלעזר' פון מונקאטש, און עטליכע משמשים בקודש און מקורבים.

דער רב איז געזעסן אויפן וואגן פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות. ווען פלוצלינג האט דער רב זיך געווענדן צו זיינע ארומיגע. "איך האב געטראכט", האט ער געזאגט, "וואס איך וועל טון ווען איך וועל אנקומען קיין ריישא".

אלע אינעם וואגן האבן געווארט צו הערן, וואס טאקע דער רב פלאנט צו טון. "איך וועל נעמען א שטעקן אין האנט און איך וועל ארומגיין פון הויז צו הויז. איך וועל קלאפן אויף די טירן פון אידישע קינדער, און איך וועל זיך בעטן און זיך מתחנן זיין פאר יעדן איד, אז ער זאל חלילה נישט אריינפאלן אינעם נעץ פון טומאה דורכן גיין צום טעאטער"... א שטילקייט הערשט אינעם וואגן. "איך האף", האט דער רב ממשיך געווען זיינע ווערטער, "אז ווער עס האט נאך א פונק פון קדושה אין זיין הארץ, וועט הארכן מיינע רייד, און ער וועט זיך היטן פון אריינפאלן אין זייער נעץ".

ווען זיי זענען אנגעקומען נענטער קיין רייזשא, האבן זיי שוין געזען מענטשן שטיין אויף די וועגן. די חשוב'ע בעלי־בתים פון שטאט זענען ארויסגעקומען מקבל פנים זיין דעם רב. ובראשם טאקע ר' בערקא צוקער, אינאיינעם מיט זיין זוהן רבי אליעזר, וועלכער איז שפעטער געווארן דער ראב"ד אין שטאט בערעגסאז און איז געווען פון די באקאנטע גאונים אין לאנד.

ביז א קורצע צייט איז דאס הויז פון רבי בערקא, די אכסניא פונעם רב, געווארן ארומגערינגלט מיט הונדערטער אידן. איינער האט געוואלט א ברכה. איינער האט געוואלט געבן א קוויטל און פדיון. איינער האט געוואלט בלויז זען דעם צדיק. אבער דער רב האט נישט פארלוירן קיין מינוט. "מיינע טייערע אידן", האט ער געזאגט, "איך בין נישט געקומען דא אצינד פאר קיין קוויטלעך און פדיונות. יעצט האב איך אן אנדערע שליחות, איך בעט אז מ'זאל מיר נישט שטערן מיט אנדערע זאכן".

דער רב האט באלד גערופן דעם בית דין און די ראשי הקהילה, און ער האט אנגעהויבן זאגן אפאר ווארימע ווערטער, דברי כיבושין, זיי צו פארשטיין געבן וואספארא חורבן אזא טעאטער־שפיל קען אנמאכן. די ווערטער האבן געשניטן ווי פיילן, אז טרערן האבן זיך געגאסן פון די אויגן פון אלע אנוועזנדע.

נאכדעם האט דער רב גערופן הערן גאר שארפע ווערטער, "ווען פנחס בן אלעזר האט געזען די שרעקליכע מעשה וואס האט זיך אפגעטון איז ער נישט געגאנגען אויף דעם דרך פון תפילה, נאר ער האט זיך מוסר־נפש געווען". דער רב האט געקלאפט אויפ'ן טיש, "אויך מיר דארפן טון וואס מיר קענען פאר כבוד שמים! און מיר וועלן ארויסגיין ברחובה של עיר און זיך מוסר נפש זיין על כבוד שמו יתברך!".

דאן האט ר' בערקא גענומען רשות פארצולייגן עפעס אן עצה וואס איז אים אצינד בייגעפאלן: "דא אין שטאט איז דא א דאקטער. דאקטער 'זעגל'. ער האט א גרויסע השפעה ביי די רעגירונגס באאמטע. דאס גאנצע ממשלה האט ער אונטער זיין האנט, און ער קען ביי זיי פועל'ן וואס אימער ער וויל. אויב איינער קען עפעס אויפטון, איז עס נאר ער. ליידער איז ער נישט קיין פרומע איד, און ער האט נישט קיין אינטערעסע צו טון עפעס לטובת די פרומע אידן, אבער אויב וועט דער רבי קענען פועל'ן אז ער זאל טון דערין, האט ער דעם כח דאס אויסצופירן". ווי נאר דער רב האט דאס געהערט, האט ער גלייך געשיקט רופן דעם דאקטער.

"הער דאקטער", האט דער רב אים נישט געלאזט לאנג ווארטן, "איך וועל אייך ערקלערן פארוואס איך בין געקומען דא אהער קיין רייזשא. דאס איז צוליב דעם טעאטער־שפיל וואס בייזוויליגע מענטשן האבן אריינגעברענגט דא אין שטאט, וואס דאס זייעט אן א שרעקליכן מכשול פאר אידישע קינדער, און דאס נעמט ליידער אוועק פון אונז די בחירה". דער רב איז ממשיך זיינע ווערטער, "דערפאר ווענד איך זיך צו דיר הער דאקטער, אז דו זאלסט זיך שטעלן קעגן זיי מיט א שטארקייט, און דו זאלסט זען זיי צו פארטרייבן פון דא ווי אמשנעלסטן". דער דאקטער האט אויסגעהערט, אבער ס'האט נישט אויסגעזען ווי ער ווערט שטארק איבערגענומען פון די ווערטער פונעם רב. ביז, ווען דער רב האט אים געזאגט אט די ווערטער:

"אויב וועט איר ארויסטרייבן די ליצים פון שטאט, בין איך גרייט אייך אוועקצוגעבן דערפאר א דריטל פון מיין עולם הבא! ועשתה בו צדקתו ליום מחר". אין צימער איז געווען שא שטיל. קיינער האט נישט געקענט ארויסזאגן קיין ווארט. א דריטל עולם הבא. ווער איז דען גרייט צו געבן אזא זאך. נאר איינער וואס טראכט נישט פון זיך. נאר איינער וואס לעבט פארן כלל ישראל. נאר א צדיק אמת.

דער רב האט ווייטער געזאגט פארן דאקטער: "איך זאג אייך צו אז אייער שכר וועט נישט אוועק גענומען ווערן פון אייך, און איך פון מיין זייט, אויף צו ראטעווען אידישע נשמות, איז מיר דאס אלעס כדאי".

דער דאקטער איז שטיל געבליבן. עפעס האט זיך גערירט ביי אים אין הארץ. מסתמא צום ערשטן מאל אין לאנגע יארן. ער האט געזען פאר זיך א איד וואס איז גרייט אוועקצוגעבן א דריטל פון זיין עולם הבא בלויז אויף צו ראטעווען אנדערע אידן. און ער האט געזען פאר זיך א זעלטענע געלעגנהייט קונה צו זיין עולמו בשעה אחת!

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צום רב, "רבי", האט ער געזאגט, "איך גיי אייך פארן געשעפט, איר קענט שוין אהיימפארן מיט א רואיגקייט! איך נעם אויף מיר די זאך! מארגן וועלן די ליצים שוין נישט זיין אין רייזשא!".

דער דאקטער האט געהאלטן ווארט, און דעם קומענדיגן טאג איז געקומען א שטרענגע באפעל פון די רעגירונג אז די טעאטער־שפילער מוזן שוין פארלאזן דעם שטאט, אויב נישט ווארט זיי א שווערן געלט שטראף. זיי האבן נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דא האט פאסירט. און זיכער האבן זיי נישט געוואוסט אז א צדיק איז גרייט געווען אויפצוגעבן א דריטל פון זיין עולם הבא, בכדי אז זיי זאלן מער נישט קענען מכשיל זיין קיין אידן.

מיט פרייד האט דער הייליגער רב אויפגענומען די גוטע בשורה, אז די אידן האבן געהאט א ישועה און די רשעים א מפלה, אז זיי האבן מיט בושות געדארפט פארלאזן דעם שטאט. דער הייליגער רב איז אהיימגעפארן מיט אן אויסטערלישע שמחה, אז די אידן אין רייזשא זענען געראטעוועט געווארן.

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | BTH | Details | |
|---|---|---|---|---|
| oak&vine prime area | 2 | | brand new | 347.452.1457 ☎💬 |
| Finchley/ Hearthstone | 1 | 1 | New btfl upgraded furn chosson/kalla apartment in Hearthstone near O&V, W/D, ground floor, large windows, Available mid-November. | 732.606.2242 ☎💬 |
| The 70 | 3-4 | 2 | Brand new gorgeous basement, available mid Nov- $1800/$2000 | 732.730.4074☎💬 |
| BELZ SHLAV HEI | 5 | 3 | Brand new house available immediately | 347.451.1636☎💬 |
| 55+ | 2.5 | 2 | Magnificent House available for rent in Heimeshe Over 55 Community in Lakewood, right next to Shuls and all Facilities | 732-474-8632 ☎💬 |
| OAK&VINE PRIME AREA | 6 | 4 | brand new | 347.452.1457 ☎💬 |
| OAK & VINE | 4 | 2 | Upgraded quiet basement, newly renovated $2000 | 718.682.2598 x 1 ☎💬 |


"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc. Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
THE HEATING COOLING DOCTOR
Call 24 hours: 646-820-0196

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
THE COMMERCIAL REFRIGERATION DOCTOR
Call 24 hours: 929-486-1587

US MOBILE
$8 MONTH Unlimited Talk & Text
BEST KOSHER PLAN
Switch Now! 878.205.0522 usmobile.com/kosher

Smartlist
The Premier Jewish Phonebook
Available on all App Stores
די בארימטער היימישע אידישע היים
דירעקטארי עפפ שטעלט צו סערוויסעס פאר
איבער 25 היימישע שטעט איבער די גארער
וועלט. איז אייער פאמיליע גליסיסטעט אויף
סמארט ליסט ? רופט יעצט
848-224-9395 smartlistapp.com 800-530-4296

# Commercial

Rentals

| Location | Size | Details | Contact |
|---|---|---|---|
| RIDGE AREA | OFFICE | Basement office avail in ridge area airy and spacious private entrance and bath | 732.618.5262 |
| CENTRALLY LOCATED ON AIRPORT ROAD | Warehouse | large FULLY RACKED warehouse with offices avail to rent from June 1st with option of dividing to smaller spaces | 732.503.3484 |
| INDUSTRIAL PARK | SINGLE/DOUBLE OFFICE | private single/ double offices available all inclusive pricing. | 732.330.9412 |
| JACKSON | 3,000 SF + OFFICE | Approx 3k sq ft WH space Jackson + 1,200 sq Office space - Text for more info | 848.326.4030 |


PREMIER MORTGAGE
Licensed Mortgage Broker, NJ. #2401792
Loans Originated through third party providers.
SUPER-LOW MORTGAGE RATES FOR HOMEBUYERS
CALL NOW FOR A QUICK QUOTE
Sign up for rate updates, text "LOW RATES"
YEHUDA GROSS
732.773.9233
NMLS 1494185







## JOBS

## B"M PHOTOGRAPHY

**Bar Mitzvah Photography**
Reasonable pricing
**Call/Text: 347.694.7274**

## SERVICES

## מלמד געזיכט

א חשובע מוסד אין מאנסי זוכט א
מלמד פאר כתה ג' און ד' פאר די
קומעדיגע שנת הלימודים אלול תשפ"ז
Please fax resume to
845.259.1217 or email
yeshivajobopportunity@gmail.com

## HANDYMAN

Handyman by the hour
Get your house back in order for just $150 a hour
Please call 848-389-8219

## היימישע שפילער

חסידישער היימיש שפּילער
פֿאַר בר מצוות און אַלע
שמחות, מיט געזאַנג, אין גוטע
פרייזן
רופט: 848-333-0650

## JOB OPPORTUNITY

Seeking someone experienced in commercial tenant billing, including OPEX and tax escalations. Remote, 1–2 hours per month. Please reply with experience and availability.
Pls call 347-695-4011 OR EMAIL TO SIMCHAREALTY@GMAIL.COM

## CAR SERVICE

**Shaye's Transportation**
EWR - $130 JFK/LGA-$220
BP/Flatbush - $180
Monsey - $160
English, Hebrew, Yiddish
**Call/Text/WA 917.494.4823**

## RELIABLE HEIMISHE DRIVER

Reliable Heimisha Driver
New clean comfortable vehicle
(2025) Starting prices:
Lkwd Ewr 115$
To Bp/flatbush 165 $
Monsey 150 $
Reserve now, call/text/whatsapp
8483300775

# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

- ✓ Customer Service
- ✓ Bookkeeping
- ✓ Data Entry
- ✓ Architecture
- ✓ Property Management
- ✓ Amazon Assistance
- ✓ Collections
- ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

**HIRING4LESS™** 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM

## NEUROFEEDBACK

Struggled through another year ?
How long more do you want to suffer ?
NEUROFEEDBACK REALLY HELPS .
Call 419-750-4046
Anxiety, depression, ADD, ADHD, OCD, foggy brain, anger management, or just stuck . For all ages

## MISC

## USPS FOREVER STAMPS

Inspected and tested by USPS $40 per 100 (Min. 300)
Reach out for discounted prices on larger quantities.
Email: greatdeals4cheap1@gmail.com
SMS/LV MSG: 718-594-8502
FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! we accept CC!

## HOUSE FOR SALE

נייע שיינע דירה צו
פארקויפן
**Blue River Lakewood NJ**
**call 732-880-1930**

**VACATION RENTALS**

## משנה אותיות נשמה

איר קענט יעצט האבן די געלעגנהייט
צו מסדר זיין מ'זאל לערנען משניות
אויפ'ן יארצייט שלשים י"א חודש
לעילו נשמת אייער נאנטע טאטע
מאמע וכדו'
845-664-4749

## FIX & FLIP LOANS

Fix & Flip loans.
Refinance loans.
fast approvel.
RFK FUNDING
347-256-5646

## WEEKEND - LAKEWOOD BELZ AREA

Apartment in Lakewood Belz area available weekends or weekdays. 6 bedrooms 14 beds. Additional children's beds available upon request.
Call or text: 732-791-6291

## מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?

זענט איר א מלמד מגי"ש וכדו' און מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?
א מלמד מיט 23 יאר עקספריענס וואס האט זיך געלערנט א bpt
מעטאד ווי אזוי צו פארמיידן פון אנשטרענגן אייער שטימע און נישט
ווערן הייזעריג, האט שוין געהאלפן רבנים, מגידי שיעורים, און
מלמדים, גרייט צו געבן רעפרענס ספעציעלע פרייז פאר בני תורה
917-543-3845

## שבת / וואכנטעג אין סקווירא

New Square: Beautiful 4 Bedroom apt avail. for Shabbes for rent or for weekdays also 1 bedroom suite for rent. Close to the shul.
Call/Text/Vm 845.641.9217

## MONSEY CAMPUS AVAILABLE FOR RENT – DAY CAMPS & EVENTS

Spacious campus ideal for summer day camps, group outings, and programs. Flexible rental options available daily, monthly, or hourly. POOL is available and can be rented separately by the hour.
Great Minds 845-520-3250

## LUXURIOUS MONSEY VACATION

Beautiful, upscale homes available for short-term stays in the Monsey area. Some properties feature private POOLS. Accommodations for 18–100 guests—ideal for large families, Shabbatons, and group getaways.
Available year-round.
Great Minds 845-520-3250

## BALTIMORE

שבתון
לבני הישיבות
917.806.8075

## אספקלריא

זעיט די שיינקייט ,רייכקייט,לעכטיקייט פון
אופן חיבור ספר תהילים,א שמועס מיט הרב
אברהם זילבער,לרגל שבעת ימי תשלימין פון
יום טוב שבועות,
רופט אספקלריא
4,230 דריקט 18459994949

## LKWD VACATION

5 bedroom duplex in Blue River <u>guestay.com/lakewood-duplex</u>
845-999-8452

## PROFESSIONAL WEBSITES

Professional Websites
For Just $1,495 •
Webrrific •
929.925.SITE


# צעטליך אויפהענגען?

TMG
הענגט אין אלע אידישע
געגנטער אין אמעריקא
בתי מדרשים, קאנטראקשאן, פאבליק פלעצער

718.925.2300 #103 | info@tmgmediany.com






732.696.4300 צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט:


dartmedia.us
רבנים און
מדריכים
וועלכע
באגלייטן
פארפעלקער,
רעקאמענדירן
שטארק די
"זכו שיעורים"
בראשות
הרבנים
הגה"צ
שליט"א
טויזנטער
פאמיליעס
זענען
ערליך,
ווייל דו אויך
ערליך
טויש דו אויך דיין לעבן
פון פיין און ליידן צו
ערליך און צופרידן
די זכו
מהפכה
רבנים און
מדריכים קענען
מיטהאלטן
די שיעורים
בחנם.
זכו שיעורים
פאר מענער
דורך הרה"ג
ר' משה עבער שליט"א
באקומט קלארקייט אין קדושת הבית, לעבט
מיט א ערליכע השקפה און מיט א רואיגקייט.
שיעורים הייבן זיך
אן מיטוואך שלח
845.209.1818
א"י: 077.850.9307 // ענגלאנד: 443.30.350.5756
#1
צו הערן
ערשטהאנטיגע
גריסן פון צוהערער #3
פאר הסכמות פון רבנים #6
9 הערליכע שיעורים
+ שו"ת סעסיעס
~ $897 $499 ~
Or 2 Monthly Payments of $250
גרופ דיסקאונט עווילעבל.
פון 3+ באטייליגטע
פארפעלקער וואסביידע
רעגעסטירן זיך צו די קורסעס
וועלן בענעפעטירן פון א
$200 דיסקאונט
זכו
שכינה שרוי' ביניהם
קדושת הבית בדרך התורה והמסורה